# דעם רבינ'ס מעשיות

ספּורֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִשָּׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת
מֵרַבֵּנוּ הַקָּדוֹשׁ רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב
זיע"א

הַמַּעֲשֶׂה עִם הַבְּחִינוֹת
בִּלְשׁוֹן הַקּוֹדֶשׁ - וְאִידִישׁ

## מעשה ה'
## מבן מלך שהיה מאבנים טובות

גליון 52

**שַׁבַּת שָׁלוֹם יְלָדִים יְקָרִים!**

הַמַּעֲשִׂיּוֹת שֶׁל רַבֵּנוּ הֵם מְלֵאִים חִדּוּשִׁים נִפְלָאִים. אִם נִתְבּוֹנֵן רַק בַּשֵּׁם שֶׁל הַמַּעֲשֶׂה, הַשָּׁבוּעַ, נִמְצָא בּוֹ חִדּוּשׁ גָּדוֹל וְהִתְעוֹרְרוּת עָצוּם לַטּוֹב שֶׁבְּתוֹכֵנוּ, **"בֶּן מֶלֶךְ שֶׁהָיָה מֵאֲבָנִים טוֹבוֹת"**. יֵשׁ בֶּן מֶלֶךְ כָּזֶה נִפְלָא, שֶׁהוּא מָלֵא כֻּלּוֹ בְּטוֹב, אַנַ"שׁ הָיוּ מְפָרְשִׁים שֶׁהַבֶּן מֶלֶךְ - זֶה אֲנַחְנוּ, כָּל אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל, בְּנֵי מְלָכִים, שֶׁמְּלֵאִים נְקֻדּוֹת טוֹבוֹת וִיקָרוֹת, אַךְ כְּמוֹ שֶׁאָנוּ לֹא יוֹדְעִים מֵהַטּוֹב שֶׁיֵּשׁ בָּנוּ, וּצְרִיכִים לְחַפֵּשׂ אֶת הַנְּקֻדּוֹת טוֹבוֹת בְּתוֹכֵנוּ, כָּךְ גַּם בֶּן הַמֶּלֶךְ בְּמַעֲשֶׂה זוֹ לֹא יָדַע אֶת זֶה, זֶה לֹא הָיָה נִכָּר עָלָיו כְּלָל מִבַּחוּץ, הוּא הָיָה נִרְאֶה כְּמוֹ כֻּלָּם, אַךְ מִבִּפְנִים הוּא הָיָה מַשֶּׁהוּ אַחֵר לְגַמְרֵי...

רַבֵּנוּ אָמַר פַּעַם: **"אֲנִי מְקַנֵּא מְאֹד אִישׁ כָּשֵׁר (שֶׁקּוֹרִין עֶרְלִיכְעֶר אִיד), כִּי נִדְמֶה שֶׁהוֹלֵךְ בֶּן אָדָם עִם דַּקִּין וְכַרְכָּשׁוֹת וְאֵבָרִים כִּשְׁאָר כָּל הָעוֹלָם וְאַף עַל פִּי כֵן בֶּאֱמֶת הוּא עִנְיָן אַחֵר לְגַמְרֵי, כִּי אִישׁ כָּשֵׁר יָקָר מְאֹד אַשְׁרֵי לוֹ."** (שיחות הר"ן - אות י"ד) לְפִי זֶה אֶפְשָׁר לְהָבִין, שֶׁהָאֲבָנִים טוֹבוֹת, זֶה הַמְּקוֹמוֹת שֶׁשָּׁם מִתְגַּלָּה הַכַּשְׁרוּת שֶׁלָּנוּ, הַ-"עֶרְלִיכְעֶר אִיד" שֶׁבְּתוֹכֵנוּ, אַךְ בִּשְׁבִיל לְגַלּוֹת אֶת הַנְּקֻדּוֹת טוֹבוֹת הָאֵלּוּ, צָרִיךְ לִפְנֵי הַכֹּל לְהַאֲמִין שֶׁזֶּה קַיָּם, שֶׁיֵּשׁ אֶת הָאִישׁ כָּשֵׁר בְּתוֹכִי, אֲנִי לֹא סְתָם עוֹד מִישֶׁהוּ שֶׁמִּסְתּוֹבֵב בָּעוֹלָם, **"אֲנִי בֶּן מֶלֶךְ מֵאֲבָנִים טוֹבוֹת"**.

וּכְמוֹ שֶׁבַּמַּעֲשֶׂה, הַמֶּלֶךְ הָיָה צָרִיךְ לְהַאֲמִין לְבִרְכַּת הַצַּדִּיק, לַמְרוֹת שֶׁהוּא לֹא רָאָה שֶׁהַבְּרָכָה אָכֵן הִתְקַיְּמָה, וּבֶן הַמֶּלֶךְ נוֹלַד רָגִיל כְּמוֹ כֻּלָּם, וְאֵין, לֹא יַהֲלוֹמִים וְלֹא אֲבָנִים... כָּךְ גַּם בָּעִנְיָן הַזֶּה. הַכֹּל מַתְחִיל מֵאֱמוּנָה לְדִבְרֵי הַצַּדִּיק, עַד כַּמָּה אָנוּ מַאֲמִינִים לַצַּדִּיק שֶׁמְּלַמֵּד אוֹתָנוּ: **"כִּי יֵשׁ בְּכָל אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל, דָּבָר יָקָר שֶׁהוּא בְּחִינַת נְקֻדָּה, מַה שֶּׁאֵין בַּחֲבֵרוֹ"** (ליקוטי מוהר"ן - קמא לד) רַבֵּנוּ מְגַלֶּה לָנוּ שֶׁיֵּשׁ בְּתוֹכֵנוּ טוֹב כָּזֶה מְיֻחָד וּבִלְעָדִי, שֶׁאֵין עוֹד טוֹב כָּזֶה לְאַף אֶחָד בָּעוֹלָם. וְכַמָּה שֶׁנַּאֲמִין בָּזֶה יוֹתֵר, וּנְחַפֵּשׂ בִּתְמִימוּת כָּךְ גַּם נִמְצָא בְּעֶזְרַת ה'.

וְאֵיךְ מְגַלִּים אֶת הַנְּקֻדּוֹת טוֹבוֹת? דַּוְקָא בִּמְקוֹמוֹת שֶׁכּוֹאֵב לָנוּ. כְּמוֹ שֶׁרַבֵּנוּ מְסַפֵּר: **"פַּעַם אַחַת הָיָה הַבֶּן מֶלֶךְ מְחַתֵּךְ עֵצִים וְנִקַּף בְּאֶצְבָּעוֹ"**. בְּתוֹךְ הַפְּצִיעָה שֶׁלּוֹ, שָׁם פִּתְאֹם נִתְגַּלָּה הַטּוֹב שֶׁבּוֹ. בָּרְגָעִים הַקָּשִׁים, כְּשֶׁלֹּא הוֹלֵךְ כַּסֵּדֶר, שָׁם הָאֶבֶן טוֹב מִסְתַּתֵּר. וְזֶה דָּבָר שֶׁרוֹאִים הַרְבֵּה, שֶׁכְּשֶׁעוֹבֵר עַל יְהוּדִי, וְהוּא נִמְצָא בְּמֵצַר וְקָשֶׁה לוֹ, מִשָּׁם פִּתְאֹם יוֹצֵא לוֹ דִּבּוּרִים חֲדָשִׁים לַה' יִתְבָּרַךְ, אוֹ צְעָקָה אֲמִתִּית מִתּוֹךְ לִבּוֹ, שֶׁשּׁוֹבֶרֶת אֶת קִירוֹת הָאֶבֶן וְהָאֲטִימוּת, וְאָז הוּא מְגַלֶּה שֶׁיֵּשׁ בּוֹ בִּפְנִים מַשֶּׁהוּ אַחֵר לְגַמְרֵי, מֵאֵיךְ שֶׁהוּא נִרְאֶה כָּל הַזְּמַן.

זֶה עִקַּר הַתּוֹרָה שֶׁל **"אֲזַמְּרָה"**, לְהַאֲמִין לַצַּדִּיק שֶׁמְּלַמֵּד אוֹתָנוּ שֶׁיֵּשׁ בְּתוֹכֵנוּ טוֹב, וּלְחַפֵּשׂ אֶת הַנְּקֻדּוֹת הַטּוֹבוֹת בְּתוֹכֵנוּ. **וְאַף שֶׁכְּשֶׁמַּתְחִיל לְהִסְתַּכֵּל בְּאוֹתוֹ הַדָּבָר הַטּוֹב, הוּא רוֹאֶה שֶׁהוּא גַּם כֵּן מָלֵא פְּצָעִים וְאֵין בּוֹ מְתֹם.** (ליקוטי מוהר"ן - קמא רפב) כְּמוֹ בֶּן הַמֶּלֶךְ שֶׁנַּעֲשָׂה כֻּלּוֹ מְצֹרָע, וְנִסְתַּר לְגַמְרֵי הַטּוֹב שֶׁלּוֹ, דַּוְקָא מִשָּׁם מִתּוֹךְ הַשִּׁפְלוּת וְהַבִּזָּיוֹן הַזֶּה הוּא זָכָה, בְּכֹחַ הַצַּדִּיק שֶׁהִתְפַּלֵּל וּבִקֵּשׁ עָלָיו, שֶׁ**"נִתְרַפֵּא, וְנִתְיַבֵּשׁ הַצָּרַעַת, וְנָפַל וְנִקְלַף כָּל הָעוֹר מִמֶּנּוּ, וְנַעֲשָׂה מֵאֲבָנִים טוֹבוֹת כֻּלּוֹ, וְהָיָה לוֹ כָּל הַסְּגֻלּוֹת שֶׁל כָּל הָאֲבָנִים טוֹבוֹת"**, אָמֵן.

שַׁבַּת שָׁלוֹם וּמְבֹרָךְ



**מַעֲשֶׂה בְּמֶלֶךְ אֶחָד** שֶׁלֹּא הָיוּ לוֹ בָּנִים, וְהָלַךְ וְעָסַק בְּדָאקְטוֹרִים, כְּדֵי שֶׁלֹּא תִּהְיֶה מַלְכוּתוֹ נֶהְפֶּכֶת לְזָרִים, וְלֹא הוֹעִילוּ לוֹ.

**וְגָזַר עַל הַיְּהוּדִים** שֶׁיִּתְפַּלְלוּ בַּעֲבוּרוֹ שֶׁיִּהְיוּ לוֹ בָּנִים. וְהָיוּ הַיְּהוּדִים מְבַקְּשִׁים וּמְחַפְּשִׂים **צַדִּיק**, כְּדֵי שֶׁיִּתְפַּלֵּל וְיִפְעַל שֶׁיִּהְיוּ לוֹ בָּנִים, וּבִקְשׁוּ **וּמָצְאוּ צַדִּיק גָּנוּז**, וְאָמְרוּ לוֹ שֶׁיִּתְפַּלֵּל שֶׁיִּהְיוּ לְהַמֶּלֶךְ בָּנִים, וְעָנָה **שֶׁאֵינוֹ יוֹדֵעַ כְּלָל**. וְהוֹדִיעוּ לְהַמֶּלֶךְ,

**וְשָׁלַח הַמֶּלֶךְ** פְּקֻדָּתוֹ (שֶׁקּוֹרִין אוּקַאז) אַחֲרָיו, וְהֵבִיאוּ אוֹתוֹ לְהַמֶּלֶךְ. וְהִתְחִיל הַמֶּלֶךְ לְדַבֵּר עִמּוֹ בְּטוֹב: הֲלֹא אַתָּה יוֹדֵעַ, שֶׁהַיְּהוּדִים הֵם בְּיָדִי לַעֲשׂוֹת בָּהֶם כִּרְצוֹנִי. עַל כֵּן אֲנִי מְבַקֵּשׁ מִמְּךָ בְּטוֹב שֶׁתִּתְפַּלֵּל שֶׁיִּהְיוּ לִי בָּנִים.

**וְהִבְטִיחַ לוֹ** שֶׁיִּהְיֶה לוֹ בְּאוֹתָהּ שָׁנָה וָלָד. וְהָלַךְ לִמְקוֹמוֹ, וְיָלְדָה הַמַּלְכָּה בַּת, וְהָיְתָה אוֹתָהּ הַבַּת מַלְכָּה יְפַת־תֹּאַר מְאֹד,

**וּכְשֶׁהָיְתָה בַּת אַרְבַּע שָׁנִים**, הָיְתָה יְכוֹלָה כָּל הַחָכְמוֹת וּלְזַמֵּר בִּכְלֵי שִׁיר, וְהָיְתָה יוֹדַעַת כָּל הַלְּשׁוֹנוֹת. וְהָיוּ נוֹסְעִים מְלָכִים מִכָּל הַמְּדִינוֹת לִרְאוֹתָהּ, וְהָיָה שִׂמְחָה גְדוֹלָה עַל הַמֶּלֶךְ.

**אַחַר־כָּךְ** נִכְסַף הַמֶּלֶךְ מְאֹד שֶׁיִּהְיֶה לוֹ בֵּן, כְּדֵי שֶׁלֹּא תִּהְיֶה מְסֻבֶּבֶת מַלְכוּתוֹ לְאִישׁ זָר, וְגָזַר שׁוּב עַל הַיְּהוּדִים שֶׁיִּתְפַּלְלוּ שֶׁיִּהְיֶה לוֹ בֵּן, וְהָיוּ מְבַקְּשִׁים וּמְחַפְּשִׂים **אֶת הַצַּדִּיק** הַנַּ"ל וְלֹא מָצְאוּ אוֹתוֹ, כִּי כְּבָר נִפְטַר.

**וּבִקְשׁוּ** עוֹד **וּמָצְאוּ עוֹד צַדִּיק גָּנוּז**, וְאָמְרוּ לוֹ שֶׁיִּתֵּן לְהַמֶּלֶךְ בֵּן, וְאָמַר **שֶׁאֵינוֹ יוֹדֵעַ כְּלָל**. וְהוֹדִיעוּ לְהַמֶּלֶךְ, וְאָמַר לוֹ הַמֶּלֶךְ גַּם־כֵּן כַּנַּ"ל: הֲלֹא הַיְּהוּדִים בְּיָדִי וְכוּ', כַּנַּ"ל.

**אָמַר לוֹ הֶחָכָם** (הַיְנוּ זֶה הַצַּדִּיק הַנַּ"ל): תּוּכַל לַעֲשׂוֹת מַה שֶּׁאֲצַוֶּה? אָמַר הַמֶּלֶךְ: הֵן. אָמַר לוֹ הֶחָכָם: אֲנִי צָרִיךְ שֶׁתָּבִיא כָּל הַמִּינֵי אֲבָנִים טוֹבוֹת, **כִּי כָּל אֶבֶן טוֹב, יֵשׁ לוֹ סְגֻלָּה אַחֶרֶת**, כִּי יֵשׁ אֵצֶל הַמְּלָכִים סֵפֶר שֶׁכָּתוּב בּוֹ כָּל מִינֵי **הָאֲבָנִים טוֹבוֹת**.

**אָמַר הַמֶּלֶךְ**: אֲנִי אוֹצִיא חֲצִי מַלְכוּתִי כְּדֵי שֶׁיִּהְיֶה לִי בֵּן. וְהָלַךְ וְהֵבִיא לוֹ **כָּל מִינֵי הָאֲבָנִים טוֹבוֹת** וּלְקָחָם הֶחָכָם וְהֶדִקָּם. וְלָקַח כּוֹס יַיִן וּנְתָנָם לְתוֹכוֹ, וְנָתַן חֲצִי הַכּוֹס לְהַמֶּלֶךְ לִשְׁתּוֹת וְחֶצְיָהּ לְהַמַּלְכָּה.

**וְאָמַר לָהֶם** שֶׁיִּהְיֶה לָהֶם בֵּן **שֶׁיִּהְיֶה כֻּלּוֹ מֵאֲבָנִים טוֹבוֹת**, וְיִהְיוּ בּוֹ **כָּל הַסְּגֻלּוֹת שֶׁל כָּל הָאֲבָנִים טוֹבוֹת**, וְהָלַךְ לִמְקוֹמוֹ. וְיָלְדָה בֵּן, וְנַעֲשָׂה שִׂמְחָה גְדוֹלָה עַל הַמֶּלֶךְ.

**וְהַבֵּן הַנּוֹלָד לֹא הָיָה מֵאֲבָנִים טוֹבוֹת**. כְּשֶׁהָיָה הַבֵּן בֶּן אַרְבַּע שָׁנִים הָיָה יְפֵה־תֹּאַר מְאֹד וְחָכָם גָּדוֹל

בְּכָל הַחָכְמוֹת, וְהָיָה יוֹדֵעַ כָּל הַלְּשׁוֹנוֹת, וְהָיוּ נוֹסְעִים מְלָכִים לִרְאוֹתוֹ.

**וְהַבַּת מַלְכָּה** רָאֲתָה שֶׁאֵינָהּ חֲשׁוּבָה כָּל־כָּךְ וְנִתְקַנְּאָה בּוֹ. רַק זֹאת הָיָה נֶחָמָתָהּ, בַּאֲשֶׁר שֶׁאוֹתוֹ הַצַּדִּיק אָמַר שֶׁיִּהְיֶה **כֻּלּוֹ מֵאֲבָנִים טוֹבוֹת**. טוֹב שֶׁאֵינוֹ מֵאֲבָנִים טוֹבוֹת.

**פַּעַם אַחַת** הָיָה הַבֵּן מֶלֶךְ מְחַתֵּךְ עֵצִים **וְנִקַּף בְּאֶצְבָּעוֹ**, וְרָצְתָה הַבַּת מַלְכָּה לִכְרֹךְ אֶת אֶצְבָּעוֹ, **וְרָאֲתָה שָׁם אֶבֶן טוֹב**, וְנִתְקַנְּאָה בּוֹ מְאֹד וְעָשְׂתָה עַצְמָהּ חוֹלָה, וּבָאוּ כַּמָּה דָּאקְטוֹרִים, וְלֹא הָיוּ יְכוֹלִים לַעֲשׂוֹת לָהּ רְפוּאָה,

**וְקָרְאוּ לַמְכַשְּׁפִים**. וְהָיָה שָׁם מְכַשֵּׁף, וְגִלְּתָה לוֹ הָאֱמֶת, שֶׁהִיא עָשְׂתָה עַצְמָהּ חוֹלָה, כַּנַּ"ל, וְשָׁאֲלָה אוֹתוֹ אִם יוּכַל לַעֲשׂוֹת כִּשּׁוּף לְאָדָם שֶׁיִּהְיֶה מְצֹרָע. אָמַר: הֵן.

**אָמְרָה לוֹ**: אוּלַי יְבַקֵּשׁ מְכַשֵּׁף שֶׁיְּבַטֵּל הַכִּשּׁוּף וְיִתְרַפֵּא. אָמַר הַמְכַשֵּׁף: אִם יַשְׁלִיכוּ הַכִּשּׁוּף אֶל הַמַּיִם, לֹא יוּכְלוּ לְבַטְּלוֹ עוֹד.

**וְעָשְׂתָה כֵּן**, וְהִשְׁלִיכָה הַכִּשּׁוּף אֶל הַמַּיִם, וְנַעֲשָׂה הַבֵּן מֶלֶךְ מְצֹרָע מְאֹד, (וְהָיָה לוֹ) עַל חָטְמוֹ צָרַעַת וְעַל פָּנָיו וְעַל שְׁאָר גּוּפוֹ, וְעָסַק הַמֶּלֶךְ בְּדָקְטוֹרִים וּבִמְכַשְּׁפִים וְלֹא הוֹעִילוּ.

**וְגָזַר עַל הַיְּהוּדִים שֶׁיִּתְפַּלְּלוּ**, וּבִקְשׁוּ **הַצַּדִּיק** הַנַּ"ל, וְהֵבִיאוּ אוֹתוֹ לַמֶּלֶךְ, **וְהַצַּדִּיק** הַנַּ"ל הָיָה **מִתְפַּלֵּל תָּמִיד לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ** בַּאֲשֶׁר שֶׁהוּא הָיָה מַבְטִיחַ שֶׁיִּהְיֶה הַבֵּן מֶלֶךְ **כֻּלּוֹ מֵאֲבָנִים טוֹבוֹת**, וְלֹא הָיָה כֵּן,

**וְהָיָה טוֹעֵן לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ**: הַאִם עָשִׂיתִי זֹאת בִּשְׁבִיל כְּבוֹדִי? לֹא עָשִׂיתִי כִּי אִם בִּשְׁבִיל כְּבוֹדְךָ, וְעַכְשָׁו לֹא נִתְקַיֵּם כְּמוֹ שֶׁאָמַרְתִּי.

**וּבָא הַצַּדִּיק** לְהַמֶּלֶךְ, וְהָיָה מִתְפַּלֵּל וְלֹא הוֹעִיל, וְהוֹדִיעוּ לוֹ שֶׁהוּא כִּשּׁוּף.

**וְהַצַּדִּיק הַנַּ"ל** הָיָה גָּבוֹהַּ לְמַעְלָה מִן כָּל הַמְכַשְּׁפִים, וּבָא **הַצַּדִּיק** וְהוֹדִיעַ לְהַמֶּלֶךְ שֶׁהוּא כִּשּׁוּף, וְשֶׁהִשְׁלִיכוּ הַכִּשּׁוּף לַמַּיִם, וְאֵין תַּקָּנָה לְהַבֵּן מֶלֶךְ כִּי אִם שֶׁיַּשְׁלִיכוּ הַמְכַשֵּׁף שֶׁעָשָׂה הַכִּשּׁוּף לַמַּיִם,

**אָמַר הַמֶּלֶךְ**: אֲנִי נוֹתֵן לְךָ כָּל הַמְכַשְּׁפִים לְהַשְׁלִיכָם לַמַּיִם כְּדֵי שֶׁיִּתְרַפֵּא בְּנִי.

**וְנִתְיָרְאָה** הַבַּת מַלְכָּה וְרָצְתָה אֶל הַמַּיִם לְהוֹצִיא הַכִּשּׁוּף מִן הַמַּיִם, כִּי הָיְתָה יוֹדַעַת הֵיכָן מֻנָּח הַכִּשּׁוּף, וְנָפְלָה אֶל הַמַּיִם. וְנַעֲשָׂה רַעַשׁ גָּדוֹל שֶׁהַבַּת מֶלֶךְ נָפְלָה אֶל הַמַּיִם,

**וּבָא הַצַּדִּיק הַנַּ"ל** וְאָמַר לָהֶם **שֶׁהַבֵּן מֶלֶךְ יִתְרַפֵּא**, וְנִתְרַפֵּא, וְנִתְיַבֵּשׁ הַצָּרַעַת **וְנָפַל וְנִקְלַף כָּל הָעוֹר מִמֶּנּוּ**

**וְנַעֲשָׂה מֵאֲבָנִים טוֹבוֹת כֻּלּוֹ, וְהָיָה לוֹ כָּל הַסְּגֻלּוֹת שֶׁל כָּל הָאֲבָנִים טוֹבוֹת:**

(הַיְנוּ כִּי אַחַר שֶׁנִּקְלַף הָעוֹר אָז נִתְגַּלָּה וְנִרְאָה שֶׁהַבֵּן מֶלֶךְ הוּא כֻּלּוֹ מֵאֲבָנִים טוֹבוֹת, כַּאֲשֶׁר אָמַר הַצַּדִּיק הַנַּ"ל).

# סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִשָּׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת - מַעֲשֶׂה ה' מִבֶּן מֶלֶךְ שֶׁהָיָה מֵאֲבָנִים טוֹבוֹת
# וָואס הָאט דֶערְצֵיילְט רַבֵּנוּ נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב זיע"א

**אַמָאל אִיז גִיוֶוען אַ מֶלֶךְ.** דֶער מֶלֶךְ הָאט קֵיין קִינְדֶער נִיט גִיהַאט. אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען אוּן הָאט זִיךְ גִיפָּארֶעט מִיט דָאקְטוֹירִים. כְּדֵי זַיין מְלוּכָה זָאל נִיט פַּאר פְּרֶעמְד וֶוערִין. זֵיי הָאבִּין אִים אָבֶּער נִיט גִיהָאלְפְֿן.

**הָאט עֶר** גוֹזֵר גִיוֶוען אוֹיף יוּדִן אַז זֵיי זָאלִין פַּאר אִים מִתְפַּלֵל זַיין. אַז עֶר זָאל הָאבִּין יוּדִין גִיזוּכְט **אַ צַדִיק.** כְּדֵי עֶר זָאל מִתְפַּלֵל זַיין אוּן זָאל פּוֹעֶלִין. אַז עֶר זָאל הָאבִּין קִינְדֶער.

**הָאבְּן זֵיי** גִיזוּכְט אוּן הָאבִּין גִיפוּנֶען **אַ בַּאהַאלְטִינֶעם צַדִיק.** אוּן זֵיי הָאבִּין אִים גִיזָאגְט אַז עֶר זָאל מִתְפַּלֵל זַיין אַז דֶער מֶלֶךְ זָאל הָאבְּן קִינְדֶער. הָאט עֶר גִיעֶנְפֶערְט עֶר וֵוייסְט גָאר נִיט.

**הָאבִּין זֵיי** דָאס מוֹדִיעַ גִיוֶוען דֶעם מֶלֶךְ (בַּאֲשֶׁר אַז סֶע אִיז דָא אַ בַּאהַאלְטִינֶער צַדִיק נָאר עֶר זָאגְט עֶר וֵוייסְט גָאר נִיט) הָאט דֶער מֶלֶךְ גִישִׁיקְט אֵיין אוֹקַאז נָאךְ אִים.

**הָאט מֶען אִים** גִיבְּרַאכְט צוּם מֶלֶךְ. הָאט דֶער מֶלֶךְ מִיט אִים אָנְגִיהוֹיבְּן צוּ שְׁמוּסִין מִיט גוּטְן. דוּ וֵוייסְט דוּךְ. אַז דִי יְהוּדִים זֶענֶען בַּיי מִיר אִין דֶער הַאנְט. אִיךְ קָאן טָאן מִיט זֵיי וָואס אִיךְ וִויל. בְּכֵן בֶּעט אִיךְ דִיךְ מִיט גוּטְן זַיי מִתְפַּלֵל. אִיךְ זָאל הָאבִּין קִינְדֶער.

**הָאט אִים דֶער צַדִיק** מַבְטִיחַ גִיוֶוען אַז עֶר זָאל הָאבִּין דָאס יָאר אַ קִינְד אוּן אִיז זִיךְ אַהֵיים גִיגַאנְגֶען. **הָאט דִי מַלְכָּה גִיהַאט אֵיין טָאכְטֶער.** אוּן דִי בַּת מַלְכָּה אִיז גִיוֶוען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע פַּארְשׁוֹין.

**אוּן אַז זִי אִיז** אַלְט גִיוֶוען פִיר יָאר. הָאט זִי גִיקֶענְט אַלֶע חָכְמוֹת אוּן אַלֶע לְשׁוֹנוֹת אוּן שְׁפִּילִין אוֹיף כֵּלִים. זֶענֶען גִיפָארִין אַלֶע מְלָכִים פוּן אַלֶע מְדִינוֹת. זִי צוּ זֶעהְן. אוּן סֶע גִיוֶוען אוֹיף דֶעם מֶלֶךְ אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה.

**דֶער נָאךְ** הָאט דֶער מֶלֶךְ זֵייעֶר גִיוָואלְט. עֶר זָאל הָאבְּן אֵיין זוּן כְּדֵי דִי מְלוּכָה זָאל נִיט אַוֶועק גֵייעֶן צוּ אֵיין פְּרֶעמְדְן. הָאט עֶר ווִידֶער גוֹזֵר גִיוֶוען אוֹיף יוּדִין אַז זֵיי זָאלִין מִתְפַּלֵל זַיין אַז עֶר זָאל הָאבְּן אֵיין זוּן.

**הָאבְּן זֵיי גִיזוּכְט** דֶעם עֶרְשְׁטְן **צַדִיק.** אוּן זֵיי הָאבִּין אִים שׁוֹין נִיט גִיפוּנֶען וָוארִין עֶר אִיז שׁוֹין גִישְׁטָארְבִּין. הָאבְּן זֵיי וַוייטֶער גִיזוּכְט.

**הָאבִּין זֵיי גִיפוּנֶען.** נָאךְ **אַ בַּאהַאלְטִינֶעם צַדִיק.** אוּן זֵיי הָאבִּין אִים גִיזָאגְט. אַז עֶר זָאל גִיבִּין דֶעם מֶלֶךְ אַ זוּן. הָאט עֶר גִיזָאגְט. עֶר וֵויסְט גָאר נִיט. הָאבְּן זֵיי ווִידֶער מוֹדִיעַ גִיוֶוען דֶעם מֶלֶךְ.

**הָאט דֶער מֶלֶךְ** דֶעם **צַדִיק** אוֹיךְ אַזוֹי גִיזָאגְט: דוּ וֵוייסְט דוּךְ אַז דִי יְהוּדִים זֶענֶען בַּיי מִיר אִין דֶער הַאנְט. וְכוּ' כַּנַ"ל. הָאט אִים דֶער חָכָם (דְהַיְינוּ דֶער **צַדִיק**) גִיזָאגְט. וֶועסְטוּ אָבֶּער קֶענֶען טוּן וָואס אִיךְ וֶועל דִיר הֵייסִין. הָאט דֶער מֶלֶךְ גִיזָאגְט יוֹא.

**הָאט דֶער חָכָם** צוּ אִים גִיזָאגְט: אִיךְ בַּאדַארְף אַז דוּ זָאלְסְט בְּרֶענְגֶען **אַלִירְלֵיי אֲבָנִים טוֹבוֹת** (כְּלוֹמֶר דוּמִיט וַוארְג) וָוארִין אִיטְלִיכֶער אֶבֶן טוֹב הָאט אִין זִיךְ אֵיין אַנְדֶערֶע סְגוּלָה. אוּן בַּיי דִי מְלָכִים אִיז פַּאר הַאנְדְן אַ סֵפֶר וָואס דָארְט אִיז פַּארְשְׁרִיבְּן אַלִירְלֵיי אֲבָנִים טוֹבוֹת.

**הָאט דֶער מֶלֶךְ גִיזָאגְט.** אִיךְ וֶועל אוֹיס בְּרֶענְגֶען. מַיין הַאלְבֶּע מְלוּכָה. אַבִּי אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ זוּן אוּן אִיז גִיגַאנְגֶען. אוּן הָאט אִים גִיבְּרַאכְט אַלִירְלֵיי אֲבָנִים טוֹבוֹת.

**הָאט דֶער חָכָם זֵיי גִינוּמֶען.** אוּן הָאט זֵיי צוּ קְלַאפְּט. אוּן הָאט גִינוּמֶען אַ בֶּעכֶער וַויין. אוּן הָאט זֵיי אַרַיין גִישִׁיט אִין דֶעם וַויין. אוּן עֶר הָאט גִיגֶעבִּין אַ הַאלְבְּן בֶּעכֶער וַויין דֶעם מֶלֶךְ טְרִינְקֶען. אוּן דִי אַנְדֶערֶע הֶעלְפְט. דֶער מַלְכָּה.

**אוּן הָאט צוּ זֵיי גִיזָאגְט.** אַז זֵיי וֶועלִין הָאבִּין אַ זוּן. וָואס עֶר וֶועט זַיין דוֹרְךְ **פוּן אֲבָנִים טוֹבוֹת אוּן עֶר וֶועט אִין זִיךְ הָאבִּין אַלֶע סְגוּלוֹת פוּן אַלֶע אֲבָנִים טוֹבוֹת.** אוּן אִיז אַהֵיים גִיגַאנְגֶען.

**הָאט דִי מַלְכָּה גִיהַאט אַ זוּן.** אִיז גִיוָוארִין אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה אוֹיף דֶעם מֶלֶךְ. נָאר דֶער זוּן **אִיז נִיט גִיוֶוען פוּן אֲבָנִים טוֹבוֹת.**

**אַז דֶער זוּן אִיז** אַלְט גִיוֶוען פִיר יָאר. אִיז עֶר גִיוֶוען אַ גְרוֹיסֶער פַּארְשׁוֹין אוּן אַ גְרוֹיסֶער חָכָם אִין אַלֶע חָכְמוֹת. אוּן הָאט גִיקֶענְט אַלֶע לְשׁוֹנוֹת. זֶענֶען גִיפָארִין מְלָכִים אִים זֶעהְן.

**אוּן דִי בַּת מַלְכָּה** הָאט גִיזֶעהְן אַז זִי אִיז שׁוֹין נִיט אַזוֹי חָשׁוּב. הָאט זִי זִיךְ אִין אִים מְקַנָא גִיוֶוען. נָאר דָאס אִיז אִיר נְחָמָה גִיוֶוען בַּאֲשֶׁר דֶער **צַדִיק** הָאט גִיזָאגְט. אַז דֶער זוּן וֶועט **זַיין גָאר פוּן אֲבָנִים טוֹבוֹת.** גוּט אִיז כָאטְשֶׁע וָואס עֶר אִיז נִיט פוּן אֲבָנִים טוֹבוֹת.

**אַמָאל הָאט** דֶער בֶּן מֶלֶךְ גִישְׁנִיצְט הָאלְץ אוּן הָאט זִיךְ אַ שְׁנִיט גִיטָאן אִין פִינְגֶער. אִיז דִי בַּת מַלְכָּה צוּ גִילָאפִין. אִים אַרוּם בִּינְדְן דֶעם פִינְגֶער. הָאט זִי דָארְט דֶערְזֶען **אֵיין אֶבֶן טוֹב.**

**הָאט זִי זִיךְ** אִין אִים זֵייעֶר מְקַנֶא גִיוֶוען. הָאט זִי זִיךְ גִימַאכְט קְרַאנְק. זֶענֶען גִיקוּמֶען כַּמָה דָאקְטוֹירִים. זֵיי הָאבִּין אָבֶער נִיט גִיקֶענְט אִיר קֵיין רְפוּאָה טָאן.

**הָאט מֶען גִירוּפִין מְכַשְׁפִים.** אִיז דָארְט גִיוֶוען אֵיין מְכַשֵׁף הָאט זִי אִים אוֹיסְגִיזָאגְט דֶעם אֶמֶת. אַז זִי הָאט זִיךְ אַלֵיין גִימַאכְט קְרַאנְק מַחְמַת דֶעם בְּרוּדֶער כַּנַ"ל אוּן זִי הָאט דֶעם מְכַשֵׁף גִיפְרֶעגְט אוֹיבּ סֶע אִיז מֶעגְלִיךְ. אַז מְזָאל טָאן אַ מֶענְשׁ כִּישׁוּף אַז עֶר זָאל וֶוערִין קְרֶעצִיג. הָאט עֶר גִיזָאגְט יוֹא.

**הָאט זִי צוּם מְכַשֵׁף גִיזָאגְט.** טָאמֶער וֶועט עֶר זִיךְ זוּכִין אֵיין אַנְדֶערְן מְכַשֵׁף וָואס עֶר וֶועט מְבַטֵל זַיין דֶעם כִּישׁוּף אוּן עֶר וֶועט גִיהֵיילְט וֶוערִין.

**הָאט דֶער מְכַשֵׁף** גִיזָאגְט. אַז מְוֶועט אַרַיין וַוארְפִין דֶעם כִּישׁוּף אִין וַואסֶער אַרַיין וֶועט מֶען שׁוֹין נִיט קֶענֶען אִים מְבַטֵל זַיין.

**הָאט זִי אַזוֹי גִיטָאן.** אוּן הָאט אַרַיין גִיוָוארְפִין דֶעם כִּישׁוּף אִין וַואסֶער אַרַיין.

**אִיז דֶער בֶּן מֶלֶךְ** זַייעֶר קְרֶעצִיג גִיוָוארִין. עֶר הָאט גִיהַאט אוֹיף דֶער נָאז קְרֶעץ אוּן אוֹיף דֶעם פָּנִים אוּן אוֹיף דֶעם אִיבְּרִיקְן גוּף.

**הָאט זִיךְ דֶער מֶלֶךְ** גִיפָּארִיט מִיט דָאקְטוֹרִים. אוּן מִיט מְכַשְּׁפִים. אוּן זֵיי הָאבִּין אִים **נִיט גִיהָאלְפְן.**

**הָאט דֶער מֶלֶךְ** גוֹזֵר גִיוֶוען אוֹיף יוּדִין אַז זֵיי זָאלִין מִתְפַּלֵל זַיין. הָאבִּין דִי יְהוּדִים גִיזוּכְט דֶעם **צַדִיק** (וָואס עֶר הָאט מִתְפַּלֵל גִיוֶוען אַז דֶער מֶלֶךְ זָאל הָאבְּן אַ זוּן כַּנַ"ל) אוּן זֵיי הָאבִּין אִים גִיבְּרַאכְט פַאר דֶעם מֶלֶךְ.

**אוּן דֶער צַדִיק** פְּלֶעגְט תָּמִיד **מִתְפַּלֵל זַיין פַאר הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ** בַּאֲשֶׁר עֶר הָאט צוּ גִיזָאגְט דֶעם מֶלֶךְ אַז דֶער זוּן זָאל זַיין גָאר **פוּן אֲבָנִים טוֹבוֹת** אוּן סֶע נִיט מְקוּיָם גִיוָוארִין.

**אוּן עֶר הָאט גִיטַעֲנֶט** צוּם אֵייבֶּערְשְׁטִין הָאבּ אִיךְ דָאס גִיטָאן פוּן מַיין כָּבוֹד וֶועגְן. אִיךְ הָאבּ זִיךְ דָאס מֶער נִיט גִיטָאן נָאר פוּן דַיין כָּבוֹד וֶועגְן. אוּן הַיינְט אִיז נִיט מְקוּיָם גִיוָוארְן אַזוֹי וִוי אִיךְ הָאבּ גִיזָאגְט.

**אוּן דֶער צַדִיק** אִיז גִיקוּמֶען צוּם מֶלֶךְ. הָאט דֶער **צַדִיק** מִתְפַּלֵל גִיוֶוען (דְהַיְינוּ אוֹיף דִי קְרֶעץ פוּן דֶעם בֶּן מֶלֶךְ אַז עֶר זָאל גִיהֵיילְט וֶוערִין) אוּן סֶע הָאט נִיט גִיהָאלְפִין. הָאט מֶען אִים מוֹדִיעַ גִיוֶוען אַז דָאס אִיז אַ כִּישׁוּף.

**אוּן דֶער צַדִיק** אִיז הֶעכֶער גִיוֶוען פוּן אַלֶע מְכַשְּׁפִים. אִיז גִיקוּמֶען דֶער **צַדִיק** אוּן הָאט מוֹדִיעַ גִיוֶוען דֶעם מֶלֶךְ אַז דָאס אִיז אַ כִּישׁוּף. אוּן אַז מְהָאט דֶעם כִּישׁוּף אִין וַואסֶער אַרַיין גִיוָוארְפִין. קֶען דֶער בֶּן מֶלֶךְ אַנְדֶערְשׁ נִיט גִיהֵיילְט וֶוערִין. סַיידִין אַז מְזָאל אַרַיין וַוארְפִין דֶעם מְכַשֵּׁף וָואס עֶר הָאט גִיטָאן דֶעם כִּישׁוּף אִין וַואסֶער אַרַיין.

**הָאט דֶער מֶלֶךְ** גִיזָאגְט אִיךְ גִיבּ דִיר אַלֶע מְכַשְּׁפִים מְזָאל זֵיי אַרַיין וַוארְפִין אִין וַואסֶער אַרַיין. אַבִּי מַיין זוּן זָאל גִיהֵיילְט וֶוערִין.

**הָאט דִי בַּת מַלְכָּה** מוֹרָא גִיהַאט אוּן אִיז גִילָאפִין צוּם וַואסֶער אַרוֹיס נֶעמֶען דֶעם כִּישׁוּף פוּן דֶעם וַואסֶער. וָוארִין זִי הָאט גִיוואוּסְט וואוּ דֶער כִּישׁוּף לִיגְט. אִיז זִי אַרַיין גִיפַאלִין אִין וַואסֶער אַרַיין.

**אִיז גִיוָוארִין** אַ גְרוֹיס גִיפּוּלְדֶער וָואס דִי בַּת מַלְכָּה אִיז אַרַיין גִיפַאלִין אִין וַואסֶער אַרַיין.

**אִיז גִיקוּמֶען דֶער צַדִיק** אוּן הָאט גִיזָאגְט אַז **דֶער בֶּן מֶלֶךְ** וֶועט שׁוֹין גִיהֵיילְט וֶוערִין. אִיז עֶר שׁוֹין גִיהֵיילְט גִיוָוארִין אוּן דָאס צָרַעַת אִיז פַארְדַייְרְט גִיוָוארְן אוּן סֶע אִיז אַרָאפּ גִיפַאלִין הָאט זִיךְ אָפְּגִישֵׁיילְט גָאר דִי הוֹיט.

**אִיז עֶר גִיוָוארִין גָאר**

**פוּן אֲבָנִים טוֹבוֹת.**

**אוּן הָאט אִין זִיךְ גִיהַאט**

**אַלֶע סְגוּלוֹת פוּן אַלֶע אֲבָנִים טוֹבוֹת.**

(וָוארִין אַז דִי הוֹיט הָאט זִיךְ אִים אָפְּגִישֵׁיילְט הָאט מֶען גִיזֶעהְן אַז עֶר אִיז גָאר פוּן אֲבָנִים טוֹבוֹת. אַזוֹי וִוי דֶער צַדִיק הָאט גִיזָאגְט).

בס"ד

# דעם רבינ'ס מעשיות



נאמען________________________

טעלפון________________________

שטאט________________________

# בחינה אויף סיפורי מעשיות

## די פינעפטע מעשה - דער בן מלך פון אבנים טובות

**א. וואס האט דער מלך גוזר געווען אויף די אידן?**
- ☐ אז זיי זאלן ברענגען א צדיק וואס זאל פאר אים דאווענען
- ☐ אז זיי זאלן אים ברענגען א חכם וואס זאל פאר אים דאווענען
- ☐ אז זיי זאלן פאר אים דאווענען

**ב. וויאזוי רופט דער רבי ווען די אידן האבן געבעטן צו דאווענען?**
- ☐ א חכם
- ☐ א באהאלטענער צדיק
- ☐ א בעל שם

**ג. וואס האט ער זיי געענטפערט ווען זיי האבן געבעטן צו דאווענען?**
- ☐ אז ער וועט דאווענען
- ☐ אז דער מלך וועט האבן קינדער
- ☐ ער ווייסט גארנישט

**ד. וואס האט ער געענטפערט ווען דער מלך האט אים געבעטן צו דאווענען?**
- ☐ אז ער וועט האבן דאס יאר א קינד
- ☐ אז ער וועט האבן דאס יאר א זון
- ☐ אז ער וועט האבן דאס יאר א טאכטער

**ה. וואס האט די מלכה דעמאלט געבוירן?**
- ☐ א זון
- ☐ א טאכטער
- ☐ א זון און א טאכטער

**ו. וואס האט די בת מלכה געקענט ווען זי איז געווען פיר יאר?**
- ☐ אלע חכמות
- ☐ שפילן אויף כלים
- ☐ אלע חכמות און אלע לשונות און שפילן אויף כלים

**ז. וואס האט דער מלך נאכדעם גוזר געווען אויף די אידן?**
- ☐ אז זיי זאלן ברענגען א צדיק וואס זאל אויף אים דאווענען ער זאל האבן א זון
- ☐ אז זיי זאלן אים ברענגען א חכם וואס זאל אויף אים דאווענען ער זאל האבן א זון
- ☐ אז זיי זאלן אויף אים דאווענען ער זאל האבן א זון

**ח. וואס איז געווען מיט דעם צדיק וואס זיי האבן פריער געטראפן?**
- ☐ ער האט זיך באהאלטן און מ'האט אים נישט געקענט טרעפן
- ☐ ער איז נפטר געווארן
- ☐ ער איז געווען קראנק

**ט. שאלת זכות: וויאזוי רופט דער רבי בהמשך די מעשה דעם וואס זיי האבן די צווייטע מאל געבעטן צו מתפלל זיין?**
- ☐ א באהאלטענער צדיק, א צדיק, א חכם
- ☐ א באהאלטענער צדיק, א בעל שם, א חכם
- ☐ א באהאלטענער צדיק, א צדיק

**י. וואס האט ער זיי געענטפערט ווען זיי האבן געבעטן צו דאווענען?**
- ☐ אז ער וועט דאווענען
- ☐ אז דער מלך וועט האבן א זון
- ☐ ער ווייסט גארנישט

**יא. וואס האט דער חכם געזאגט פאר דעם מלך?**
- ☐ אז ער זאל ברענגען אלע אבנים טובות
- ☐ אז ער זאל ברענגען א אבן טובה
- ☐ אז ער זאל ברענגען פערל שטיינער

**יב. וואס זאגט דער חכם? וואס וועט זיין מיט זייער זון וואס זיי וועלן געבוירן?**
- ☐ ער וועט זיין פון אבנים טובות
- ☐ ער וועט האבן אין זיך אלע סגולות פון אלע אבנים טובות
- ☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**יג. וואס איז דער בן המלך געווען ביי די פיר יאר?**
- ☐ פון אבנים טובות
- ☐ ער האט געקענט אלע לשונות
- ☐ א גרויסער חכם אין אלע חכמות, און געקענט אלע שפראכן

**יד. וואס האט די בת מלכה געזען ווען זי האט אים ארום געבונדן?**
- ☐ א אבן טוב
- ☐ א פערל שטיין
- ☐ אבנים טובות

**טו. וואס איז געשען צו דעם בן מלך דורך די כישוף?**
- ☐ זייער קרעציג
- ☐ זייער קראנק
- ☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**טז. וואס האט דער צדיק מודיע געווען פאר דעם מלך?**
- ☐ אז זיין זון וועט שטענדיג אזוי זיין
- ☐ אז זיין זון וועט ווערן אויסגעהיילט
- ☐ אז עס איז א כישוף

**יז. וואס האט דער צדיק מודיע געווען נאכדעם וואס ז' איז אריינגעפאלן אין וואסער?**
- ☐ אז דער בן מלך וועט שטענדיג אזוי זיין
- ☐ אז מ'האט די כישוף אריינגעווארפן אין וואסער
- ☐ אז דער בן מלך וועט ווערן אויסגעהיילט

**און האט אין זיך געהאט אלע סגולות פון אלע אבנים טובות - מיט פיל הצלחה**

די סיפורי מעשיות וואס דער הייליגער רבי האט דערציילט זענען קודש קדשים, זיין כוונה איז געווען אונז צו אויפוועקן פון טיפן שלאף, אזוי ווי דער רבי האט געזאגט אז "די סיפורי מעשיות זענען מסוגל צו אויפוועקן פון שלאף.

דער הייליגער רבי האט געזאגט אז אין יעדע ווארט פון די הייליגע מעשיות זענען באהאלטן סודות התורה, און אפילו א פשוטער מענטש וואס וועט עס לערנען, קען ארויס נעמען פון דעם מוסר און התעוררות צו השם יתברך.

צו מאכן די בחינה און אריין גיין אין גורל רוף די טעלפאן ליין 02-5-3333-72 - ארה"ב 646-518-1095

# דעם רבינ'ס מעשיות



שם ______________________

טלפון ______________________

עיר ______________________

# מבחן בסיפורי מעשיות

## מַעֲשֶׂה ה' - מִבֶּן מֶלֶךְ שֶׁהָיָה מֵאֲבָנִים טוֹבוֹת

**א. מה גזר המלך על היהודים?**
- ❑ שיביאו לו צדיק שיתפלל עליו
- ❑ שיביאו לו חכם שיתפלל עליו
- ❑ שיתפללו בעבורו שיהיה לו בנים

**ב. איך מכנה רבינו את מי מצאו היהודים שיתפלל על המלך?**
- ❑ חכם אחד
- ❑ צדיק גנוז
- ❑ צדיק גדול

**ג. מה ענה הצדיק שמצאו?**
- ❑ שיתפלל על המלך
- ❑ שכל אחד יתן צדקה
- ❑ שאינו יודע כלל

**ד. מה הבטיח הצדיק למלך?**
- ❑ שיהיה לו באותה שנה ולד
- ❑ שיהיה לו באותה שנה בן
- ❑ שיהיה לו באותה שנה בת

**ה. מה ילדה המלכה אז?**
- ❑ בן
- ❑ בת
- ❑ בן ובת

**ו. מה היתה יכולה הבת כשהיתה בת ד' שנים?**
- ❑ כל החכמות
- ❑ לזמר בכלי שיר
- ❑ כל החכמות ולזמר בכלי שיר וכל הלשונות

**ז. מה שוב גזר המלך על היהודים?**
- ❑ שיביאו לו צדיק שיתפלל עליו
- ❑ שיביאו לו חכם שיתפלל עליו
- ❑ שיתפללו שיהיה לו בן

**ח. מה קרה לצדיק שמצאו בפעם הראשונה?**
- ❑ הסתתר ולא יכלו למצאו
- ❑ כבר נפטר
- ❑ נפל למשכב

**ט. שאלת זכות: איך מכנה רבינו בהמשך המעשה את מי שמצאו היהודים שיתפלל על המלך?**
- ❑ פעם בשם צדיק גנוז, פעם בשם צדיק, ופעם בשם חכם
- ❑ פעם בשם צדיק גנוז, פעם בשם בעל שם, ופעם בשם חכם
- ❑ פעם בשם צדיק נסתר, פעם בשם צדיק

**י. מה ענה הצדיק שמצאו?**
- ❑ שיתפלל על המלך
- ❑ שיהי' להמלך בן
- ❑ שאינו יודע כלל

**יא. מה אמר החכם למלך?**
- ❑ שיביא לו כל המיני אבנים טובות
- ❑ שיביא לו אבן טובה
- ❑ שיביא לו כל המיני מרגליות שבעולם

**יב. מה אמר אח"כ החכם מה יהי' עם הבן שלהם?**
- ❑ שיהיה כולו מאבנים טובות
- ❑ שיהיה לו כל הסגולות של כל אבנים טובות
- ❑ שתי התשובות נכונות

**יג. מה היה הבן כשהיה בן ד' שנים?**
- ❑ יפה תואר מאבנים טובות
- ❑ ידע כל הלשונות
- ❑ יפה תואר מאוד וחכם גדול והיה יודע כל הלשונות

**יד. מה ראתה הבת מלכה כשרצתה לכרוך אצבעו של הבן?**
- ❑ ראתה שם אבן טוב
- ❑ ראתה שם מרגלית
- ❑ ראתה שם אבנים טובות

**טו. מה נעשה אח"כ הבן מלך מכח הכישוף?**
- ❑ מצורע מאוד
- ❑ חולה מאוד
- ❑ שתי התשובות נכונות

**טז. מה הודיע הצדיק הנ"ל למלך?**
- ❑ שבנו ישאר כך תמיד
- ❑ שבנו יתרפא
- ❑ שהוא כישוף

**יז. מה הודיע הצדיק הנ"ל אחרי שהבת מלכה נפלה למים?**
- ❑ שבנו ישאר כך תמיד
- ❑ שהשליכו הכישוף למים
- ❑ שבנו יתרפא

**והיה לו כל הסגולות של כל האבנים טובות - בהצלחה גדולה**

ספורי מעשיות שסיפר רבינו הקדוש הם קודש קדשים וכונתו ז"ל הייתה כדי לעורר אותנו משנתינו הרוחנית, וללמד אותנו דעת ודרך ישרה לעבודת השם יתברך בהתעוררות הלב, כמו שאמר רבינו: ש"ספורי מעשיות שלו מסוגלים לעורר מהשינה", ולמען דעת אשר בכל תיבה ותיבה מאלו המעשיות טמונים סודות התורה טמירים ונעלמים, כנשמע מפיו הקדוש בעצמו, ואפילו איש פשוט אשר יקרא אותם יכול להוציא לעצמו מוסר והתעוררות להשם יתברך

להיכנס להגרלה ניתן לשלוח תשובות לפקס 1532651961 או ל: L3233287@gmail.com